23 אים, פאַלט ער אַנידער פאַר זיינע פיס, און בעט
אים זער פיל, אַזוי צו זאָגן: מיין טעכטערל האַלט
ביי יציאת נשמה; קום לייג אַרויף דיינע הענט אויף
איר, כדי זי זאָל געראַטעוועט ווערן, און לעבן!
24 און ער איז געגאַנגען מיט אים, און אַ גרויסער
המון מענטשן האָט אים נאָכגעפאָלגט, און אים
געשטופּט.
25 און אַ פרוי, וואָס האָט געליטן פון אַ בלוט־פלוס
26 צוועלף יאָר לאַנג, און האָט זער פיל געליטן פון אַ
סך דאָקטוירים, און אויסגעגעבן אַלץ וואָס זי
האָט געהאַט, און עס האָט איר גאָרנישט געהאָלפן,
27 נאָר עס איז איר נאָך ערגער געוואָרן, האָבנדיק
געהערט וועגן ישועַ, איז זי געקומען צווישן דעם
המון מענטשן פון הינטן, און האָט אָנגערירט זיין
28 מלבוש. וואָרום זי האָט זיך געטראַכט: אויב איך
וועל אָנרירן בלויז זיינע מלבושים, וועל איך
29 געהאָלפן ווערן! און גלייך האָט זיך פאַרטרוקנט
דער קוואַל פון איר בלוט; און זי האָט געפילט אין
איר קערפּער, אַז זי איז געהיילט געוואָרן פון דער
30 פלאָג. און ישועַ, גלייך ווי ער האָט דערפילט אין
זיך אַז די קראַפט איז פון אים אַרויסגעגאַנגען, האָט
זיך אויסגעדרייט צווישן דעם המון מענטשן, און
געזאָגט: ווער האָט אָנגערירט מיינע מלבו־
31 שים? און זיינע תלמידים האָבן צו אים געזאָגט:
דו זעסט דער המון שטופּט דיך, און זאָגסטו: ווער
32 האָט מיך אָנגערירט? און ער האָט זיך אַרומ־
געקוקט צו זען זי, וואָס האָט דאָס דאָזיקע געטאָן.
33 די פרוי אָבער, פאַרכטנדיק זיך און ציטערנדיק,
ווייל זי האָט געוואוסט וואָס עס איז מיט איר געשען,
איז געקומען און איז אַנידערגעפאַלן פאַר אים, און
34 האָט אים געזאָגט דעם גאַנצן אמת. און ער האָט